אומגעקומען זיבן טויזנט מענטשן; און די איבעריקע
זענען פול געוואָרן מיט מורא, און האָבן אָפּגעגעבן
כבוד צום ג־ט פון הימל.

דער צווייטער וויי איז אַריבער; אָט קומט דער
דריטער וויי אָן גיכן.

און דער זיבעטער מלאך האָט געבלאָזן; און עס
זענען געקומען הויכע קולות אין הימל, אַזוי צו
זאָגן: דאָס מלכות פון דער וועלט איז געוואָרן
(דאָס מלכות) פון אונזער האַר און פון זיין משיח;
און ער וועט קעניגן לעולמי עולמים. (דניאל ז, יג־יד.)

און די פיר און צוואַנציק זקנים, וועלכע זיצן אויף 16
זייערע טראָנען פאַר ג־ט, זענען אַנידערגעפאַלן
אויף זייערע פנימער און האָבן זיך געבוקט צו ג־ט,
און געזאָגט: מיר דאַנקען דיר, האַר ג־ט, אַלמעכ־ 17
טיקער, וועלכער ביסט און ביסט געווען; ווייל דו
האָסט גענומען דיין גרויסע ממשלה און קעניגסט. קע־
ניגסט. און די פעלקער זענען געוואָרן צאָרנדיק, 18
און דיין צאָרן איז געקומען, און די צייט פון די
מתים, געמשפט צו ווערן, און צו געבן דעם שכר
צו דיינע קנעכט די נביאים, און צו די קדושים,
און די, וועלכע פאָרכטן זיך פאַר דיין נאָמען, די
קליינע און די גרויסע, און צו פאַרדאַרבן די
פאַרדאַרבער פון דער ערד.

און עס האָט זיך אויפגעמאַכט דער היכל פון ג־ט 19
אין הימל, און אין זיין היכל האָט זיך באַוויזן דער
ארון הברית; און עס זענען געקומען בליצן און
קולות און דונערן און אַן ערדציטערניש און אַ
געוואַלטיקער האָגל.